בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' חקת | כ"ה סיון | תשע"א | פסחים: ס"ע.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר פנחס אלימלך ווייסמאן הי"ו פון קרית יואל.

## מסיבת "קביעות היסודות" לטובת ישיבתיה"ק מאנסי אין וויליאמסבורג

היינט נאכט וועלן זיך אנ"ש אין וויליאמסבורג אי"ה באטייליגן ביים מעמד "קביעות היסודות" לטובת ישיבתינו המפוארה "קנין תורה ד'סאטמאר" אין מאנסי וועלכער איז מתנוסס אין שטאט מאנסי לשם ולתפארת און ווערט אנגעפירט דורך הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א.

די מסיבה איז פאררופן געווארן דורך די דייני ומורי צדק והוראה ד'קהלתינו הק' וועלכע שפירן אן הכרת הטוב צום מאנסיע'ר רב שליט"א וועמען עס איז אסאך צו פארדאנקען דער היינטיגער עמוד הוראה בתוככי קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג.

ביי דער מסיבה וועט דער מאנסי'ער רב שליט"א אויפטרעטן מיט א ספעציעלע "חינוך דרשה" ווי דער רב שליט"א וועט אי"ה ארומרעדן אין ספעציעלע וויכטיגע נושאים לקראת די ימי הקיץ הבעל"ט.

די מסיבה קומט פאהר בבית מדרשינו הגדול, און אי"ה אום 9:30 וועט דער רב שליט"א אויפטרעטן מיט די ספעציעלע דרשה.

*-שטיצט די הייליגע ישיבה-*

## מסיבת "יסודי התורה" היינט נאכט אין בארא פארק

אין בארא פארק קומט אי"ה היינט נאכט דער יערליכער מסיבה לטובת די בארימטע כוללים ערב "יסודי התורה" שע"י התאחדות אברכים ד'קהלתינו הק' אין שטוב פון הרה"ג ר' נפתלי הירצקא קליין שליט"א מנהל התאחדות אברכים אויף 1677 48'סטע גאס.

אין א בחינה פון "המפורסמת אין צריכה ראי'" זענען די כוללי ערב בארימט אין בארא פארק בכלל, און אינערהאלב קהלתינו המעטירה אין בארא פארק בפרט, אלס א ערליכער מבצר התורה ווי הונדערטער אינגעלייט האלטן מיט דעם טעגליכן שיעור בחבורות יסודי התורה אינאיינעם מיט

טויזענטער אנ"ש איבער דער גארער וועלט, און איז שוין ב"ה היינט סטאנציאנירט אין צוויי לאקאלן, אין ביהמ"ד הגדול, און אין בית מדרשינו 15'טע עוו.

*-שטיצט די "יסודות" פון קהלתינו הק' אין בארא פארק-*

## ניחום אבלים

ביי משפחת האשה החשובה מרת פרידא רבקה ב"ר יודא יעקב הלוי ע"ה אלמת ר' שלמה ווערצבערגער ע"ה פון מאנטריאל, זיצט מען שבעה ביז ערש"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין מאנטריאל אויף 5422 דראושער.

דער נומער צו רופן איז 514-276-4454

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**